„Zagłembier-Lebn“ | פרייז 25 גראשן | Opłata pocztowa uiszczona ryczałt m. | Nr. 1.

# זאגלעמביער לעבן

אונאפהענגיקער וואָכן=אָרגאן פאר זאגלעמביע און אויבערשלעזיען.

אבאנאמענט-פרייז: 1 זל. א חודש.

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
Redakcja „Zagłembier-Lebn“,
Sosnowiec, ul. Kołłątaja 6. Tel. 8-18.

דער רעדאקטאר נעמט אן יעדן טאג א חוץ שבת פון 4 ביז 5 נאכמ.

פארן אינהאלט פון די אנאנסן איז די רעדאקציע נישט פאראנטווארטלעך.

אפטיילונג פאר אויבערשלעזיען:
Katowice, ul. Marjacka 11, Kanner
אפטיילונג אין בענדין:
Będzin, Małachowskiego 7, Laskier

Piątek, d. 6 grudnia 1929. | ערשטער יאָרגאנג. | פרייטיק, ד׳ כסלו תר״ץ ליכטצינדן 3-10

---

קרן קימת לישראל, סאָסנאָוויץ.

זונטיק, דעם 8-טן דעצעמבער ד. י. פינקטלעך 10 א זייגער פרי וועט אין זאַל פון שטאָט-טעאַטער פאָרקומען

די פייערלעכע דערעפנונג פון **ראַיאָן = צוזאַמענפאָר**

פון בענדינער און זאַוויערטשער פּאָוויאַטן — מיטן אָנטייל פון פרעזעס פון דער ייד. „קאָלאָ“

**דעפ. י. גרינבוים,** ה׳ יחיאל האלפערן פון א״י און ה׳ פּאָפּאָווסקי (פאָרטרעטער פון דער ווארשעווער קק״ל צענטראַלע)

אײנטריטס-קאַרטן פריער צו באקומען אין לאָקאַל פון „מזרחי“, גלאָוואַצקא 9.

**GENERALE - PNEU**

**KATOWICE**

**ul. św. Jana 6. --- Telefon 1-90.**

**Auto-Wanderer**

Oryginalne amerykańskie części „CHEVROLET“.

Masywy,
Opony, dętki,
oliwa, przybory
samochodowe etc.

Vollgummi
und Auto-Reifen.
Schlauche, Oel,
Autozubehor etc.

**שוין צייט!**

זיך צו פאָרזאָרגן מיט ווינטער=מלבושים

אין דעם ערשטקלאַסיקן פוטער = געשעפט

— פון —

**W. MANNES**

סאָסנאָוויץ, 3=טן מאַי-גאַס 21. --- טעלעפאָן 7-59.

באזיצט אויף לאגער און פירט אויס

אלע ארט עלעגאַנטע הערן און דאַמען = פוטערס.

רעעלע באדינונג!

קאָנקורענץ פרייזן!

צוגענגליכע באדינגונגען!

## Ważne dla Kupców i Handlarzy!

Polecamy nasze wyroby wszelkich artykułów

**Kosmetyczno-chemiczno technicznych**

własnej fabrykacji i najlepszego gatunku po najniższych cenach.

**Wytw. chemiczna „SILESIA“ Mysłowice-Słupno.**

Dla przedstawicieli odpowiedni rabat. — Zapytania pisemne skierować na adres Administr. „Zagłembier-Lebn“
Załączyć znaczek pocztowy za 50 gr.





**Zakład Rytowniczo-Pieczątkarski**
**M. GOLDKORNA**
**w Sosnowcu, ulica Warszawska 12**
(w gmachu sądowym)
**wykonywuje wszelkie roboty w zakres rytownictwa wchodzące.**
**Robotę wykonuje akuratnie, solidnie i po cenach przystępnych**



די בעסטע
שמאַקהאַפטע
# וואורשט
יעדן טאָג פרישע
איז צו באַקומען נאָר ביי
# י. סאַפּירשטיין
סאָסנאָוויץ, מאַדזעיאָווסקאַ 8. — טעל. 6-57

באַמערקונג: סאַפּירשטיינ׳ס פּאַרוווקעס ווערן גענוצט אַלס ערנערונגס-מיטל פאַר קינדער.



**Sosnowieckie Towarzystwo Wzajemnego Kredytu**
**w Sosnowcu**
spółdz. z ogr. odpow.
Targowa 11. Telefon 2-36.

ערלעדיקט אַלער ארט באַנק-טראַנזאַקציעס.



**GABINET KOSMETYCZNY**
**EWA HAMBURGER**
**SOSNOWIEC, Piłsudskiego 12.**
(lewa ofic. I piętro) telef. 11-45.
**Masaże lecznicze, usuwanie wągrów, stałe przyciemnienie brwi i rzęsów wszelkie zabiegi kosmetyczne.**
**—— CENY PRZYSTĘPNE. ——**



ערשטקלאַסיקער פּריזיר-סאַלאָן
# ש. ראָזענבוים
סאָסנאָוויץ, וואַרשאַווסקאַ 20.

די גאַנצע יוגנט פון סאָסנאָוויץ און אומגעגנט באַזוכט נאָר מיין אַנטיסעפּטישן פּריזיר-סאַלאָן.


# אכטונג
# קלײנהענדלער!

בכדי אויסצומיידן א געדראַנג ביים איסקויפן נייע פּאַטענטן, פאָדערט אויף די פּארוואלטונג פון סאָסנאָווצער קלײנהענדלער-פאַריין אלע מיטגלידער צו ווענדן זיך אין סעקרעטאריאַט פון פאריין (טאָרגאָווא 14) טעגלעך פון 9 ביז 1 און פון 3 ביז 7 אָוונט. — פאַר די איינגעצאָלטע געלטער איז די פּארוואלטונג פאראנטווארטלעך.

דער סעקרעטאַריאַט ערלעדיקט רעיעל און פּונקטלעך א חוץ שטייער-פראַגן אויך אלערארט אנגעלעגנהייטן אין מאגיסטראט, געריכט א. א. אמטן.

**די פּאַרוואַלטונג.**

„Zagłembier-Lebn“ פרייז 25 גראשן. Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem. Nr. 1.

# זאגלעמביער לעבן

אונאפהענגיקער וואכן=ארגאן פאר זאגלעמביע און אויבערשלעזיען

אבאנאמענטס-פרייז: 1 זל. א חודש.

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
Redakcja „Zagłembier-Lebn“,
Sosnowiec, ul. Kołłątaja 6. Tel. 8-18.

דער רעדאקטאר נעמט אן יעדן טאג א חוץ שבת פון 4 ביז 5 נאכמ.

פארן אינהאלט פון די אנאנסן איז די רעדאקציע נישט פאראנטווארטליך.

אפטיילונג פאר אויבערשלעזיען:
Katowice, ul. Marjacka 11, Kanner
אפטיילונג אין בענדין:
Będzin, Małachowskiego 7, Laskier

Piątek, d. 6 grudnia 1929. | ערשטער יארגאנג. | פרייטיק, ד׳ כסלו תר״ץ ליכטצינדן 3.10

„זאגלעמביער לעבן“ איז געווידמעט די אינטערעסן פון דער יידישער באפעלקערונג אין זאגלעמביע און אויבערשלעזיען אן אונטערשיד פון סאציאלער ריכטונג און פאליטישער אנשויאונג.

אין „זאגלעמביער לעבן“ וועלן קומען צום אויסדרוק אלע אקטועלסטע פראגן פון דער ארטיקער יידישער געזעלשאפט.

די רעדאקציע.

# פון דער וואך.

**וועגן אווירטשאפטליכן ראט אין זאגלעמביע.**

ס׳איז טערליגט נישט קיין שום ספק, אז די ווירטשאפטלעכע דעפרעסיע, דער דראנג צו עטאטיזם, די אונגעהויער שווערע שטייערלאסט, בכלל דער גאנצער ווירטשאפטלעכער קורס, וואס האלט אן שוין א לענגערע צייט אין פוילן, גראבט אונטער די פונדאמענטאלסטע יסודות פון יידישן סוחר׳טום. דער עקאנאמישער חורבן איז משפיע אויפן לעבן פון כלל און שטעקט אן אלע אבצווייגונגען פון געזעלשאפטלעכן לעבן מיט די שעדלעכסטע באקצילן פון הפקרות, עם-הארצות און ווילקיר אין נידריקסטן זין פון ווארט. דער דראנג נאך ברויט שטופט אכזריות׳דיק אפ פון זיך אלע שיינע פראזן פון יושר, מאראל אדער עטיק.

זאגלעמביע, אלס איינע פון די וויכטיקסטע האנדלס-נערוון אין דער פוילישער רעפובליק האט מיט קינסטלעכע מיטלען פשוט אויפגעהאלטן זיין אזוי גערופענעם סוחרישן שוואונג.

היינטיקע וואך איז אבער די גאנצע מאדזשעווער גאס אויפגעטרייסלט געווארן פון איינקע באנקראטן פון די אנגעזעענסטע און רעיעלסטע פירמעס, וואס האבן ארויסגערופן א פארשטענדלעכע מהומה אין אלע סאסנאוויצער האנדלס-קרייזן. דאס מאל האנדלט זיך נישט וועגן א בייזוויליגע כוונה מצד די פירמעס.

דער דאזיקער אומשטאנד צווינגט אונז אונבאדינגט פארטראכטן זיך איבער דעם פשוט אונערטרעגליכן מצב פון יידישן סוחר, אז ס׳מוז צפעס קאנקרעטעס געטון ווערן איז דער הינזיכט צו לינדערן אין געוויסע מאס די שווערע לאגע — וועט קיינער נישט איבערשטרייטן.

איך האלט, אז די דאזיקע פאראנטווארטלעכע אויפגאבע דארפן נעמען אויף זיך די פירער פון סוחרישע פאריינען, וועלכע האבן נאך מיט איינקע יאר צוריק אונטערגענומען די איניציאטיוו צו שאפן א „ווירטשאפטלעכן=ראט“ פון אלע סוחרישע און קליינהענדלער=ארגאניזאציעס אין זאגלעמביע.

א דאמינירנד ווארט האבן דא אויך די ייד. ראטמענער אין דער סאסנאווצער האנדלס=קאמער. פארוואס שווייגן זיי?

---

**הולעט, הולעט בייזע ווחות...**

גראד ווי פאר=א=יארן אין דער צייט איז אויך היינט ארויס דאס אנטיסעמיטישע ברוק-בלעטל „דא טשינו“ אין קאטאוויץ מיט א ויצעקו:

„דאס פוילישע שלעזיען איז אין געפאר די יידישע הויזירער פארפלייצן דעם קריסטלעכן מארק אין אויבערשלעזיען און פארייִדישן דעם ריין קריסטליכן כאראקטער פון אלע האנדלס צענטערן!“

אין דריבער — איז עס א הייליגער חוב פון יעדן "אמתן" פאליאק צו פארטרייבן פון זיך דאס יידישע אנשיקעניש „הינט און יידן“ נישט אריבערלאזן איבער דער שוועל און פירן א ריקזיכטסלאזע אויסראטונגס קאמף געגן אלעם דעם, וואס שמעקט נאר מיט יידישקייט“...

מיט אויסגעטשירעטע ציינער און געביילטע פויסטן לאזן זיך ארויס די פארצבקעס פון "וואיעוווּדזקי קאמיטעט אביוואטעלסקי„ איבער די פארוואפנסטע ישובים און אגיטירן פאר דער הייליקער מלחמה געגן די פארכאפערישע אפעטיטן פון דעם ארימען יידישן פעקל-טרעגער, וואס הארעוועט שווער און

ד"ר אסתרזאָן.

# דער קאַמף געגן טובערקולאָז.

## I.

צו די שרעקלעכסטע פּלאָגן פון דער מענשהייט, צו די אמיינסטן פאַרשפּרייטע אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן, געהערט בלי שום ספק — טובערקולאָזע.

עס איז נישטאָ קיין לאַנד. עס איז נישטאָ קיין ראַסע, קיין מענש און על-כולם — קיין אָרגאַן אין געוועב אין מענשלעכן אָרגאַניזם אויף וועלכע די אזוי גערופענע קאָך-באַקצילן וואָס רופן אַרויס טובערקולאָזע, זאָלן נישט האָבן קיין שליטה. און די קרבנות, וואָס ווערן געבראַכט דעם מולך פון טובערקולאָזע זיינען קאָלאָסאַל גרויס.

אויב מיר וועלן זיך צוקוקן צו די סטאַטיסטישע ציפערן, וועלן מיר זען, אַז אין די גרויס - שטעט ביי אונז אין פוילן און ספּעציעל אין די אינדוסטרי צענטרן שטאַרבן דורכשניטלעך פון טובערקולאָזע איבער 500 מענשן אויף יעדע 100.000 איינוואוינער און בלויז אין משך פון די לעצטע 10 יאָר איז אין פוילן געשטאָרבן איבער אַ האַלבן מיליאָן מענשן אויף טובערקולאָז, וואָס באַדייט, אַז יעדער אַכטער מענש אין פוילן שטאַרבט פון דער דאָזיקער קראַנקהייט.

די סטאַטיסטיק באַווייזט אונז ווייטער, אַז די שטערבליכקייט פון טובערקולאָזע איז לפי-ערך גרעסער אין די אינדוסטרי צענטרן ווי אין דאָרף און דאָס אַ סך גרעסער אין די ענגע שמוציקע קוואַרטאַלן וואו ס'וווינען אין די ערגסטע מאַטעריעלע און דירות באַדינגונגען אַרבעטער, בעלי-מלאָכות און אַנדערע האָרעפּאַשניקעס. און מיט רעכט ווערט דריבער טובערקולאָזע אָנגערופן די „פּראָלעטאַרישע קרענק".

ווייל טובערקולאָזע — דאָס איז אַ קראַנקהייט פון אַ ענגער, נאַסער, פינסטערער און שמוציקער דירה, פון שלעכטער דערנערונג, פון הונגער און נויט, פון אַרבעטן איבער די כוחות אין די ערגסטע אומהיגיענישסטע באַדינגונגען.

אין פוילן איז דאָ איבער 3/4 מיליאָן קראַנקע אויף טובערקולאָז, פון וועלכע צירקאַ 1/4 מיליאָן איז עלול אָנצושטעקן זייער סביבה, ווייל זיי געפינען נישט דעם געהעריגן פּלאַץ אין די פאַרשידענע הייל-אַנשטאַלטן.

אויב מיר וועלן צו די אַלע שוין אויבן אָנגעמערקטע תנאים, ווי שווערע עקאָנאָמישע לאַגע, שלעכטע מאַטעריעלע באַדינגונגען, שלעכטע דערנערונג, פּאַטאָלע וווינונגס-פאַרהעלטעניסן און דירות-מאַנגל, אומהיגינישע שווערע אַרבעטס-באַדינגונגען. וועלכע העלפן גאָר שטאַרק די טובעקולאָזע זיך פאַרשפּרייטן. אויב מיר וועלן - נאָך צוגעבן דערצו דעם נידעריקן קולטורעלן מצב, די אומבאַוווסטזיניקייט און דאָס נישט אָפּגעבן זיך אַ געהעריקן דין - וחשבון פון דער דאָזיקער שווערע קראַנקהייט ביי די ברייטע מאַסן אין פוילן, וועלן מיר פאַרשטיין ווי גרויס און וויכטיק פון איין זייט און ווי שווער און קאָמפּליצירט פון דער אַנדערער זייט ס'איז דער קאַמף מיט דעם דאָזיקן געפערלעכן שונא, וואָס הייסט טובערקולאָז.

וועגן די אופנים און מעגליכקייטן פון קאַמף מיט טובערקולאָז — אין אַ צווייטן אַרטיקל.


## יידישער האַנטווערקער-פאַריין, סאָסנאָוויץ.

זונטיק, דעם 8-טן דעצעמבער ד. י. פּינקטלעך 6 זייגער אין אָוונט קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל, טאַרגאָווע 9

די פאָרטזעצונג פון דער אַלגעמיינער

# מיטגלידער - פאַרזאַמלונג.

די פאַרזאַמלונג וועט זיין באַשלוס-גילטיק ביי יעדער צאָל אָנוועזנדע חברים

אַלע מיטגלידער ווערן אויפגעפאָדערט צו דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג, וועלכע וועט דאַרפן אויסוויילן אַ נייע פאַרוואַלטונג און אָנצייכענען די ריכטליניען פון דער ווייטערדיקער טעטיגקייט.

די פאַרוואַלטונג.

ביטער ביים ארויסציען דאָס קאָפּעטשקעלע חיונה פאַר ווייב און קינדער מיט זיין ערליכער אַרבעט ביים פאַרשפּרייטן אויף גינסטיקע אויסצאָלונגס־באַדינגונגען די ביליקע פּוילישע פּראָדוקציע אין די רייען פון דער שלעזישער אַרבעטער און פּויערים־באַפעלקערונג.

מיר ווילן נישט איבערשאַצן די סכנה וואָס ראָט דעם יידישן הויזירער פון זאַגלעמביע און קראָקעווער ראַיאָן (אָשוויענטשים, כשאַנאָוו) מצד דער פאַרביסענער "דאָ טשינו„ חברה. מיר זיינען אָבער איבערגעצייגט, אַז גראַד ווי פאַר־א־יאָרן וועט אויף הייַנט די אָנפירנדיקע אָרגאַנען פון דעם יידישן קליינהענדלער פאַרבאַנד געלונגען אויפצודעקן פאַר דער ברייטער עפנטליכקייט פון די געהעריקע מאַכט; אינסטאַנצן א. ז. וו. אין וואַרשע אַזוי ווי אין קאַטאָוויץ די גאַנצע עקעלהאַפטיקייט און אומגעלומפּערטע רכילות פון די „הונדערט־פּראָצענטיקע“ יידן־פרעסער, דעמאַסקירן זייערע פאַלשע כוונות און אַנטפּלעקן דעם פאַקטישן באַשטאַנד פון דער גאַנצער באמת באַדויערנסווערטער און שענדליכער העץ־קאַמפּאַניע פון רעדאַקטאָר מאַך עט קאָמפּאַני.

ס׳איז דאָך קלאָר, אַז די הערן פון "דאָ טשינו„ זענען דאָ־אויסן צו שלאָגן פּאַרטיי־קאַפּיטאַל (און נאָך עפּעס אויך...) אויפן חשבון פון אָרימען יידישן הויזירער און קרעמער — וועגן וועלכן ס׳וועט אונז נאָך אויסקומען צו רעדן באַריבות אין די ווייטערדיקע אַרטיקלען — איצט, ערב דאָס באַשטעטיקן די געווערבעס אויפן נייעם קאַלענדאַר יאָר און פאַר די קאָמונאַלע וואַלן אין דער אויבערשלעזישער פּראָווינץ — איצט איז זייער אמתער יריד, איצט איז זייער צייט.

מיר ווילן גלויבן׳ אַז די אויפזוכטס־מאַכט אין קאַטאָוויץ וועט זיך ענדלעך פאַראינטערעסירן מיט דער דאָזיקער פראַגע און א סוף מאַכן צו אַט דער עפנטלעכער העץ־קאַמפּאַניע, וואָס פאַראַפאַנירט דעם גוטן נאָמען פון דער פּוילישער באַפעלקערונג אין אויבערשלעזיען.

א ג א ן.

ד״ר י. ראָטשטיין

ראטמאן.

# א קורצער סך־הכל.

## (די טעטיקייט פון דער יידישער „קאָלאָ“ אין סאָסנאָוויץ.)

נישט געקוקט אויף דער שאַרפער און פאַרביסענער קאַמפּאַניע בעת די וואַלן צום סאָסנאָוועצער שטאָט־ראַט, וואָס האָט צעגלידערט די יידישע געזעלשאַפט אין פאַרשידענע געגנערישע מחנות,— האָט דאָך אין יעדער גרופּע באַזונדער געטליעט דער געזונטער געדאַנק פון קאָנסאָלידירן אַלע יידישע כוחות און שאַפן אויפן באָדן פון שטאָט־ראַט־טעטיקייט אַן׳איינהייטלעכן יידישן פראָנט.

נאָך דעם קאָנווענציאָנעלן מאַנדאַטן שפּיל איז געקומען דער מאָמענט פון רוהיגער, זאַכלעכער און נאָרמאַלער אַרבעט לטובות די אַלגעמיינע סאָציאַל־עקאָנאָמישע אינטערעסן פון דער אָרטיגער יידישער באַפעלקערונג.

אַלס אונפּאַרטייאישער פאַרשטייער פון די 2 גרעסטע ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס (האַנטווערקער און קליינהענדלער) האָב איך געהאַלטן פאַר מיין חוב אָנצורעגן דעם געדאַנק פון אַט דער דאָזיקער קאָנסאָלידאַציע. אָבער גלייך אויף דער ערשטער זיצונג פון אַלע יידישע ראַטמענער האָט זיך, צום באַדויערן, אַרויסגעוויזן די צושפּליטערטקייט און פּרינציפּיעלע חלוקי־דעות צווישן די בירגערלעכע און סאָציאַליסטישע (פּועלי־ציון) גרופּירונגען, וועלכע האָבן און גאַנג פון די ווייטערדיקע אינטערהאַנדלונגען זיך אַרויסגעריקט אין 2 בולט אַנטקעגנגעזעצטע וועלט־אַנשויאונגען, וואָס וועלן זיך באין אופן נישט לאָזן צוזאַמענגיסן אין איין גאַנצעס.

ממילא איז געשאַפן געוואָרן אַן׳איינהייטלעכער פראָנט נאָר פון די בירגערלעכע גרופּירונגען. די צאָל ראַטמענער פון די 3 גרופּירונגען איז געווען סך־הכל — 4.

אָבער — דער שטאַרקער ווילן און ערלעכע כוונה צו דינען די אינטערעסן פון דער סאָסנאָווצער יידישער באַפעלקערונג — האָט באַוויזן די יידישע „קאָלאָ“ צו אַן אַלזייטיג אינטענזיווער טעטיקייט, וועלכע האָט גלייך אין אָנפאַנג געבראַכט אַ באַדייטנדן נצחון, און נעמלעך: מיר האָבן געווינען אַ יידישן פאַרשטייער אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, אין דער פּערזאָן פון לאָווניק ד״ר פּרוקס און אויף אַזוי אַ אופן האָט די צאָל יידן אין שטאָט־ראַט זיך פאַרגרעסערט מיט איינעם ד. ה. אַז די יידישע „קאָלאָ“ באַשטייט פון 5 בירגערלעכע ראַטמענער.

די יידישע „קאָלאָ“ אין סאָסנאָווצער שטאָט־ראַט האָט אָנגעצייכנט איר טעטיקייטס־פּראָגראַם אונטער דער לאָזונג פון קאַמף פאַר גערעכטיקייט. שוין מחמת דעם, וואָס מיר געהערן צו די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און יעדע אונגעזעצלעכקייט שלאָגט זיך אָפּ אין דער ערשטער רייע אָן די פּלייצעס פון די שוואַכסטע. ווילנדיק אויסמיידן אונגערעכטיקייט אָדער זיי באַקעמפן מוזן מיר גופא זיין אונבאַדינגט יושר׳דיק אַזוי לגבי זיך ווי לגבי פרעמדע.

אונזער ביז־איצטיגע טעטיגקייט אין שטאָט־ראַט האָט באַוויזן, אַז נישט געקוקט אויף די שווערע באַדינגונגען, וואָס זענען געווען אַ דירעקטער פּועל־יוצא פון אונזער אונבאַדייטנדער צאָל — האָט דאָך די אידייע פון גערעכטיקייט אין דער נרעסטער צאָל פאַלן דערגרייכט גאַנץ היבשע דערפאָלגן. שוין נישט רעדנדיק וועגן געוויסע אונז געהעריקע סובווענצן פאַר די יידישע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס, (וואָס אמת טאַקע נישט אַלע) איז אַ קאָלאָסאַלער סוקצעס דערגרייכט געוואָרן דורך דער יידישער „קאָלאָ“ אַ סוקצעס פון אַ ריין מאָראַלישן כאַראַקטער, און נעמליך:

1) אין באַצוג צו דעם גאַנצן צוזאַמענשטעל פון דעם שטאָט־ראַט און מאַגיסטראַט.

2) גלייכמעסיקע טראַקטירונג פון אייטערעסאַנטן מצד די מאַגיסטראַט־באַאַמטע.

3) דאָס רעכענען זיך מיט די יידישע שטימען אַלס מיט א זעלכע, וואָס באַזיצן אַ רעאַלן ווערט.

פאַקטישע באַווייזן — אין צווייטן אַרטיקל.

א. — ווייד.

# ראַדיאָ = שפּריצן...

## גאָלדענע הערצער.

דער ווינטער האָט זיך פרי געשטעלט. אומהיימלעכע ווינטן זאָגן אָן די קאַלטע בשורה פון פעטער שניי. אַ טריבן פרימאָרגן שפּייט־אויס די קאַלטע, פינצטערע און רעגנדיקע נאַכט. דער טאָג קוילערט זיך אוועק בגנבה. דער אָוונט ציט זיך סמאָלעדיג, לאַנג, באַנג חושכ׳דיג, פאַרוואָלקנט. ערטערווייז רייסט זיך אין דער פאַר׳יתום׳טער גאַס אַרויס אַ הייזעריגע שטים פון אַ פאַטעפאָן אין גבירישע הייזער צוכאַרכלען זיך די דאַדיאָ־טרובעס; שטויסן עקשנות׳דיג אָפּ די לאַנגווייליגע פאַסן, וואָס שלענגלען. זיך אַריין אין די וואַרימע שטובן פון אַ צאַנקנדיגן, דאַגות׳פולן און קאַלאָ־מוטנעם דרויסן.

אויך אין „גאַס“ באַוועגן זיך שווער און טעמפּ ״ראַדיאָ־אַפּאַראַטן“: יעדער ייד איז אַנ׳אַפּאַראַט; דאָס הארץ — אַנ׳אַנטענע, די הײם — אַ תמיד אנגעפילטער אַקומולאַטאָר און די כוואַליעס — ?...

אַדרבּא: ווער ראַנגלט זיך נישט? יחידי־סגולה סיידן שטייען היינט מיט בּיידע פיס אויף דער יבשה; יחידי־סגולה מיט גאָלדענע הערצער. אין גאָלד איז דאָך אַזוי הארט, אַזוי הארט און קאַלט...

## פּאַריז — פּאַגאַן.

ירחמיאל איז א מלמד, אַ ״מאָדערנער„ מלמד. ער גיט ״שטונדן„, לערנט יידישע קינדער אַ חוץ דאַווענען און עברי אויך אַ יידיש בּריוול אָנשרייבּן, אַ גאַזעט לייענען. ירחמיאל איז נישט קיין פאדקנייטשטער: פאַרשטייט אַ סך וועלט־זאַכן לייענט אַ גויש בּלאַט און איז אייד מיט א חיתוך־הדבור, נאָר די חכמה וואָס שטעקט אין ראַדיאָ קאָן ער בשום אופן נישט באַגרייפן.

—„אַ וואָזשנע זאַך דאָס אַיז ראַדיאָ, או־וואָ, אַו־וואָ“, פלעגט ער יעדן אָוונט בּיי וויעטשערע אַריינטענה׳ען אין זיין יידענע. „זע נאָר, זע גאָטס גרויסע וואונדער! מ׳שפּילט אין פאַריז און מ הערט עס אָזש אין פאַגאַניע!“

נאָר ירחמיאל׳ס יידענע וועט דערפון נישט נתפּעל. „ראַדיאָ. שמאַדיע“, מאַכט זי, „פּרנסה קאָנסטו האָבּן דערפון? מאָרגן איז דאָנערשיק, מיט ליידיקע הענט קאָן מען אין מאַרק נישט אַרויסגיין... די שטיוול זענען צעריסן, קיין וואַרימע קאַ־פאָטע האָסטו נישט א בּרעק קויל אין קאַמער איז אויך נישטאָ... נו, וואָס האָבּ איך פון דיינע ראַדעיס, וואָס?...

## „ראַדיאָ“ מאַשינקעס...

שרה־טעמעס איז, לא עלינו, א יידינע אַנ׳אַלמנה. איר מאַן, שכנאַ פאָבּיט, איז גרווען אַ שוסטער, א וואָזשנע בּעל־מלאכה. אַז שכנאַ האָט געלעבּט, האָט שרה־טעמעס פון צער און נויט־חרפּות נישט געוווּסט. מענדילע, דער קליינער יאַט, האָט אין חדר געלערנט׳ געצאָלט פון אים רבּי־געלט מיט דער פולער האַנט — בּעלהבּתיש. נאָר אַז גאָט האָט איר געשטראָפט און שכנאַ אַיז פאַר דער צייט אוועק אויפן עולם האמת, האָט זי אַראָפּגעוואָרפן די חרפּה פון פנים, גענומען אַ קויש זעמל אונטערן אָרעם און אָנגעהויבּן האַנדלען. „יאַך וויל, חס וחלילה צו קיין בּעטל־בּרויט נישט אָנקומען“, טענה׳ט זי. „כל־זמן די פיס טראָגן ־מיך, וויל יאך אַרבּעטן“. מעסט זי אַזוי אויס יעדן פרי־מאָרגן שטוב בּיי שטוב און פאטקויפט פרישע־געבּאַקענע זעמעלעך צו 5 גראָשן א שטיק אַון שלאָגט אַרוים דערפון איר בּידנע פּרנסה.

נאָר פון איין זאַך האָט זי גרויס צער — פון אַיר מענדלען. דער יונג איז אויסגעוואַקסן אַ גאַנצער ״מענש„ גאָר־נישט דאָס וואָס א מאָל. קודם־כל אַיז עד געוואָרן א ״חבר„ פירט דיסקוסיעס מיט דער חבר׳טע מאַמע, דאָס איז נישט פראָווילנע און יענץ געפעלט אים נישט, פאַר דער טובה פון דער גאַנצער וועלט זאָרגט ער, ער, איר מענדל אַון סך־הכל וויל ער די האַנט אין קאַלטן וואַסער נישט אַריינטון. שרה־טעמעס זאָגט, אַז נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, אַז ס׳איז א שטראָף אַזא פון זיין ליבּן נאָמען. גיסט זי אויס איר פאַר־בּיטערט האַרץ פאַר די בּעקערן און טרערן שטיקן איר אין האַלז:

„נו. איז עס נאָך געהערט געוואָרן אויף דער גאַנצער וועלט, אַז אַזא יונגאַטש זאָל כאַליען יעדן טאָג בּיז אָנבּייסן אין בּעט און האַלטן אין איין מוח׳ן זיך וועגן אַזא סאָרט מאַ־שינקע, וואָס זאָל בּאַקן זעמעלעך אָן א אַויוון און דערצו — הערט א משוגעת! — נישט בּיי קיין בּעקער, נאָר איך, זאָגט ער, שרה־טעמעס־שכנא פאָבּיט׳ס וועל זיצן בּיי מיר אין אַל־קערל, אויפן טיש וועט שטיין אַזא מאַשינקעלע, פון איין זייט וועל איך אויך אַריינשיטן מעל, אַריינגיסן וואַסער (די ראָש־טשינע וועט זיך שוין „אליין“ אויסקנעטן) און אַז איכ׳ל געבּן א קוועטש בּיי א קנעפּל וועלן פון דער אַנדערער זייט אַרויס־פאַלן זעמעלעך, פרישע געבּאָקענע זעמעלעך ווי — מן אין דער מדבּר... און דאָס, זאָגט ער, רופט מען ראַדיע, אַז פאַרראַדיעט זאָל ער ווערן, טאַטע זיסער אין הימל! אַזאַ יינג ווי א בּער זאָל קיין שום עול נישט האָבּן“...

## פון דער רעדאַקציע.

צוליב א רייע נישט פאַרויסגעזעענע סיבות, איז דער ערשטער נומער, „וואָגלעמביער לעבן“ דערשינען אָן די אנטשפּרעכנדע אָפּטיילונגען פאַר ווירטשאַפטלעכע פראַגן, בּריוו פון אונזערע קראָעספּאָנדענטן אין דער אומגעגנט, ספּאָרט, הומאָר א. ד. ג.

מיר ווענדן זיך דריבּער אויף דעם אָרט צו אַלע יידי־שע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס מיט דער בּקשה צוצושיקן אונז רעגולער נאָטיצן און קאָמוניקאַטן יעדע וואָך שפּעטסטנס בּיז מיטוואָך אָוונט.

# כראניק.

## ראיאָן צוזאמענפאר פון קק״ל.

זונטיק, דעם 8-טן דעצעמבער 10 א זייגער פרי קומט פאָר אין סאָסנאָוויצער שטאָט-טעאטער די פייערלעכע דערעפנונג פון זאגלעמביער ראיאָן-צוזאמענפאָר פון קרן-קיימת לישראל. אין צוזאמענפאָר נעמען אָנטייל 36 פונקטן פון בענדינער און זאווירטשער פּאָוויאטן. ביז נעכטן, דאָנערשטיק, האָבן שוין איינִיקע צוואנציק פונקטן מודיע געווען זייער אָנטייל.

אין דער קאָנפערענץ וועלן זיך באטייליקן דער פרעזעס פון יידישן „קאָלאָ" אין פּוילישן סיים, דעפּוטאט יצחק גרינבוים ה' יחיאל האַלפּערן פון ארץ-ישראל און דער פאָרשטייער פון דער נאציאָנאַל-פאָנד-צענטראלע אין פוילן דער ה' פּאָפּאָווסקי פון ווארשע.

דער ספּעציעל-געשאפענער אָרגאניזיר און פּראָפּאגאנדע-קאָמיטעט מיטן פאַרדינסטפולן נאציאָנאַל-פאָנד עסקן אין סאָסנאָוויץ ה' שמואל אבראמאָוויטש בראש שטרענגט-אָן אלע כּוחות בכדי דעם צוזאמענפאָר דורכצופירן וואָס מער אימפּאָזאַנט און דערפאָלגרייך.

האָפנטליך וועט דאָס זאגלעמביער יידנטום ווי תמיד אויך דאָס מאָל באווייזן זיין גרייטקייט בּייצושטייערן זיינע התחייבותן לטובת דער פארווירקלעכונג פון דעם 2 מיליאָן-זלאָטי-קאמפּיין, וואָס קק״ל צענטראלע אין פוילן האָט פּראָקלאמירט פאַר כבוש הארץ.

די בּאראטונגען וועלן פאָרקומען ווּנטיק נאָכמיטיק אין זאל פון „האָטעל פּאָלסקי".

דער ה' האַלפּערן וועט נאָך פארבלייבן א געוויסע צייט אין זאגלעמביע און אָנפירן דאָ מיט דער קק״ל אקציע.

## 30-יעריקער יוּבּילעאום פון דירעקטאָר לודוויק הארטמאן.

די טעג האָט דער דירעקטאָר פון דער לאָדזשער האַנדלס און אינדוסטרי באנק אין סאָסנאָוויץ ה' לודוויק האַרטמאן געפייערט זיין 30-יעריקן יוּבּילעאום פון אָנאָינטערבּראָכענער טעטיקייט אויפן געביט פון יידישן באנק-וועזן.

דירעקטאָר הארטמאן איז איינער פון די בּעסטע און עלטסטע פאַך-לייט אין זאגלעמביע אויפן געביט פון באַנקוועזן און א דאנק זיין איבערגעגעבענע ארבעט און באַשיידענער האַלטונג האָט זיך דערוואָרבן די סימפּאטיע פון די אָרטיקע סוחרישע קרייזן און באנק באאמטע.

דעם לעצטן זונטיק איז פאָרגעקומען א פייערלעכער באַנקעט לכבוד דעם דירעקטאָר הארטמאן. ביי א געמיטלעכער באמת חברישער שטימונג האָבן די נאָנסטע פריינט מיטארבעטער פון יוּבּילאט פארבראכט א גאנצע נאכט, ווינשנדיק זייער דירעקטאָר נאָך פיל יאָרן פון פ ר ו כ ט ב א ר ע ר און נוצלעכער ארבעט.

## דעם 17-טן דעצעמבער...

ווי מיר דערוויסן זיך וועט דעם 17-טן ה. ח. דאָס וואַרשעווער אפּעלאציע-געריכט באטראכטן דעם ענין פון הרב ענגלארד.

ס'איז שוין די העכסטע צייט, אז דער דאָזיקער פיינלעכער ענין, ארום וועלכן ס'איז זיינער צייט פארפירט געוואָרן אזא געגנזייטיקע שארפע קאמפּאניע צווישן די אָנהענגער און געגנער פון הרב ענגלארד, זאל ענדלעך אויפגעקלערט ווערן.

## אָ וויכטיקע אינטערווענץ.

ווי מיר ווערן געוואָר וועט אין דער נעכסטער וואָך דער פרעזעס פון סאָסנאָוויצער קליינהענדלער פאריין, ראטמאן הערמאן אָלינער צוזאמען מיטן פּרעזעס און דירעקטאָר פון דער סאָסנאָווּוצער האנדלס און אינדוסטרי קאמער אינטערווענירן ביים נאטשעלניק פון אָרטיקן שטייער-אמט ד״ר קריוויעצן וויכטיקע שטייער-אנגעלעגנהייטן פון אָרטיקן קליינסוחרטום.

אין די היגע קליינהענדלער-קרייזן לייגט מען זער גרויסע האָפנונגען אויף דעם דערמאָנטן שריט פון פרעזעס אָלינער.

## ליטעראַריש-הומאָריסטישער אוונט.

די דראמאטישע סעקציע ביי דער געזעלשאפט אוונט-קורסן פאר ארבעטער, אָפּטיילונג אין סאָסנאָוויץ האָט דעם פאַרגאנגענעם פרייטיק צונאכטס אויסגעפירט אין אייגענעם לאָקאל (קאָלאָנטאיאָ 6) א רייע פאָלקסבילדער און הומאָרעסקעס.

דער „אוונט" איז אדורך מיט גרויס דערפאָלג, אזוי מאָראליש ווי מאטעריעליש. די יונגע אָנטייל נעמער האָבן ארויסגעוויזן א געהעריגע מאָס פארשטענדניש פאר דער יינג יידישער דראמאטישער קונסט.

ווי מ'אינפאָרמירס אונז פּראָיעקטירט די לייטונג פון דער סעקציע פיל עפטער ווי ביז יעצט צו אראַנזשירן אָ זעלבע „אוונטן".

## מיידט אויס אָ געדראַנג.

הגם ס'איז צייט גאנצע 2 חדשים ארויסצונעמען פּאַטענטן אויפן נייעם קאַלענדאַר-יאָר, וואַרטן אַלע ביז די טעג דעצעמבער ווען דער געדראַנג איז גרויס און ס'קומט אויס צופאַרברענגען אין שטייער-אמט גאנצע טעג.

די פאָרוואַלטונגען פון האנטווערקער און קליינהענדלער-פאַריינען מאכן דריבער אויפמערקזאָם זייערע מיטגלידער, אז זיי זאָלן וואָס פריער ווענדן זיך אין די פאַריינגס-סעקרעטאַריאַטן וועגן אויסקויפן פּאָטענטן, בכדי אויסצומיידן שפּעטער אונאנגענעמליכקייטן.

## פון דער חבוּה שומרי-שבת.

דיחברה „שומרי-שבת והדת" אין זאגלעמביע איז לעצטנס צוגעטרעטן צו אן'אינטענסיווער טעטיקייט. יעדן זונטיק קומען פאָר ערן געריכטן קייגן מחללי שבת בפרהסיה.

מיט דער סאָסנאָוויצער אָפּטיילונג פירט אָן לעת עתה אויפן אָרט פון פארשטאָרבענעם הרב גליקמאַן זצ״ל דער וויצע פרעזעס ר' דוד'ל האלבערשטאם, דעם ראַדאָמסקער רבּינ'ס שוואָגער.

הערמאן אלינער
האנדלס ראט.

# אקטועלע קליינהענדלער-פראבלעמען.

צוטרעמענדיק צו די וואלן צו די האנדלס און אינדוסטריע-קאמערן, איז דאס יידישע קליינהענדלערטום געוועזן זיכער, אז ענדלעך וועט די רעגירונג — נאך דער לעזונג פון. אנדערע ווירטשאפטלעכע ענינים, צוטרעטן צו א ראדיקאלער סאנאציע אויפן געביט פון האנדל בכלל און קליינהאנדל בפרט, ווארן ווי וואלט אויסגעזען די איניציאטיוו פון דער גרויס-אינדוסטריע, ווען זי וואלט נישט האבן דעם פאקטאר — וועלכער זאל פראפאגירן די פראדוקציע פון אינדוסטריעלער און צוטראגן איר דירעקט צום קאנסומענט.

דער קליינהענדלער פירט אלזא אויס די שווערע און זשמודנע פארמיטלונגס-ראל צווישן דעם פראצודענט און געברויכער.

די קליינהענדלער, וועלכע זענען איצט אויפסניי באלאסטעט געווארן מיט א פרישן שטייער פאר דער האנדלס און אינדוסטריע-קאמער האבן אויף א רגע נישט געצווייפלט, אז אט די דאזיקע אויטאנאם-ווירטשאפטליכע אינסטיטוציע וועט נישט נאר אין א באדייטענדער מאס גורם זיין צו דער פארבעסערונג פון דער מאראלישער, און מאטעריעלער לאגע פון קליינהענדלערטום נאר וועט אויך באמיען זיך איינפירן נארמאלע באדינגונגען אין דער אנגעווייטיקטער שטייערן פראגע.

היות דער, סיים, וויל נישט, אדער איז נישט אומשטאנד פאראינטערעסירן זיך מיט דער פאקטישער לאגע. פון סוחרטום אין פוילן, האט געהערשט די אלגעמיינע איבערצייגונג, אז די אויפגאבע צו הייבן דעם נידריקן מצב פון סוחרטום וועלן איבערנעמען די האנדלס-קאמערן. דאך האבן אויסשליסליך ביזן היינטיקן טאג די האנדלס-קאמערן, א חוצן טעארעטישן באטראכטן דעם ענין הן פון ווירטשאפטלעכן שטאנדפונקט, הן אין זין פון רעפארמירן דאס שטייערן-סיסטעם — אבסאלוט גאר קיין ממשותדיקעס נישט געשאפן.

לויט דער נייער באארבעטונג פון שטייערן-סיסטעם (און האנדלען האנדלט עס זיך וועגן אומזאץ-שטייער) לויט דער פראיעקטירטער נאוועלע פון פינאנץ-מיניסטעריום ווערט ווייטער דאס קליינהענדלערטום זער שטארק באוויל הט. לויט דער דאזיקער נאוועלע דארפן די הנחות פארן קליינהאנדל ערשט חל זיין פון דעם 1-טן אפריל 1931, פארן גרויס-האנדל דאגעגן — וועלן די נייע הנחות אנגעווענדעט ווערן שוין דעם ערשטן אפריל 1930.

פארוואס דאס פינאנץ-מיניסטעריום האט די דערמאנטע הנחות גראד אזוי צוגעשניטן און נישט פארקערט — איז לעת עתה נאך נישט באוווסט. אין די אויגן אבער פון די אמערסטן באוואלה'טע זעט אויס דער אויפן פון טראקטירן דעם ענין הנחות אלס בולט'ע טענדענץ געגנצלעך צו רואינירן דאס קליינהענדלערטום. ווייל אין דער צייט ווען דער גרויסער סוחר, וועלכער געניסט שוין זייט א רייע יארן פון פארשידענע הנחות ווי, למשל, צוליבן פירן האנדלס-ביכער, צי א דאנק די פארשידענע קרעדיטן וואס ער באקומט אין מלוכה-שע און אקציען-בענק. דער גרויסער סוחר, וועלכער פארכאפט כסדר אלע קאאפעראטיווע בענק. אין דער זעלבער צייט גייט עס דעם קליינהענדלער מיטן פיתום אראפ: פון יאר צו יאר האט מען אים פארטאפלט די שטייערן, באגרענעצט און טיילווייז אינגאנצן אפגעשטעלט דעם סחורה-קרעדיט און פון די קאאפעראטיווע בענק ווערט ער שטופנווייז ארויסגעשטויסן. פאקטיש זענען די האנדלס-קאמערן געשטאנען אויפן שטאנדפונקט פון איינפירן די נייע שטייערן-הנחות אין איין טערמין אזוי פאר די גרויסע ווי פאר די קליינע סוחרים די קליינהענדלער-פארשטייער האבן געפאדערט, אז דער נייער שטייערן-סיסטעם זאל אנגעווענדעט ווערן אין א פארקערטער פארם ד. ה. אז קודם כל זאלן פון די הנחות געניסן די קליינהענדלער דערנאך ערשט — דער גרויסהאנדל, ווארן מיט דעם זעלבן וואס דער קליינהענדלער וועט ווערן א געזונטער און נארמאלער פאקטאר אין האנדל, וועט דער גרויסער סוחר ממילא ניש נאר קיין שאדן נישט האבן דערפון, נאר גראד פארקערט: שטארקן זיך און נאך מער באפעסטיקן. איז עס דאך שוין אנ'אלטער כלל, אז בכדי אונטערצוהאלטן א שמארקן גוף זענען געזונטע פיס אנ'אונבאדינגטע נויטווענדיקייט.

דערפאר טאקע שטעלט דאס קליינהענדלערטום היינט צו-טאג פאלגענדע פראגע: פארוואס איז דער קליינהענדלער באשטייערט געווארן מיט א נייעם 15 פראצענטיקן שטייער צו די פאטענטן? פארוואס רעאגירן נישט געהעריק די האנדלס קאמערן אויף דעם איצטיקן שטייערן סיסטעם, וואס רואינירט אויף א מורא'דיקן אויפן דעם קליינעם סוחר? האבן דאך די די קליינהענדלער, א חוץ די שטייערן-ענינים, לעת-עתה מיט קיין שום פאדערונגען אין די האנדלס-קאמערן נישט ארויסגעטרעטן, ווארן נישט זייענדיק קיין עקספארטערן און נישט קיין אימפארטערן באלעסטיקן זיי נישט די קאמערן וועגן ארויסגעבן זיי דערלויבענישן אויף אריינפור אדער ארויספור פון סחורות, קיין אויסלענדישע פעסער פארלאנגען זיי אויך נישט — היינט דריבער קומט דאך אויס, לויט זייער גערעכטער טענה, אז היות זיי באקומען נישט קיין שום רעאלע הילף מצד די האנדלס קאמערן אין זייער איצטיקער שווערע לאגע - טא צו וואס און צוליב וועמען האט מען זיי ווידער באלאסטעט מיט א שפאגל-נייעם שטייער לטובת אט א די האנדלס-קאמערן?!

וואס נאך פאר א צאל גזרות וועט מען צוטראכטן פאר דעם ארימען. שוואכן יידישן קליינהענדלער, וואס ראנגלט זיך שוין מיט די לעצטע כוחות, כדי ווי ס'איז אויפצוהאלטן זיין בידנע, גראשנדיקע - משטיינס-געזאגט — עגזיסטענץ?...

לעזט און פארשפרייט דאס „זאגלעמביער לעבן"!

# ד"ר לעאן רייך ז"ל

אין דער נאכט פון שבת אויף זונטיק דעם 1-טן דעצ. איז געשטארבן אין לעמבערג דער פירער פון מזרח-גאליצישן יידנטום, געוו. פרעזעס פון דער יידישער „קאלא" אין סיים, רעפ. ד"ר לעאן רייך.

מיטן טויט פון ד"ר לעאן רייך האט דאס פוילישע יידנטום פארלוירן איינעם פון זיינע בעסטע זין און איבערגעגעבענעם קעמפער פאר די נאציאנאלע, פאליטישע און סאציאלע אינטערעסן פון די פוילישע יידן.

אלס ערלעכער פאראנטווארטליכער און אויסגעפרווטער פאליטיקער — האט ד"ר רייך זיך דערווארבן אן'אונגעהויערע סימפאטיע און צוגעבונדנקייט פון גאנצן גאליציאנער יידנטום. זיין א מגעריכטער און פריצייטיגער טויט (51 יאר) האט אויפגעטרייסלט דאס גאנצע פוילישע יידנטום - און איינגעהילט אין טיפן טרויער דאס גאנצע יידישע לעמבערג. העכער 50 טויזנט מאן האבן טייל-גענומען אין דער [גראנדיעזער לוויה. דער עגזעקוטיוו פון דער ציוניסטישע ארגאניזאציע אין מזרח-גאליציען האט באשלאסן אויפבויען א נאציאנאל-הויז אויפן נאמען פון גרויסן נפטר.

ערע זיין אנדענקן!

# נישטא קיין שלום ביי די האנטווערקער.

„אין אייניקייט איז אונזער קראפט" — אזא לאזונג קוקט אראפ פון סאמע אויבן אן אין גרויסן פארזאמלונגס-זאל פון סאסנאווצער האנטווערקער-פאריין.

אין דער ווירקלעכקייט אבער האלט עס דארט גארנישט פויגלדיק מיט דער דאזיקער „אייניקייט". אחדות איז פון תמיד אן געוועזן איינע פון די שטארקסטע, הגם וויינקע, מעלות מיט וועלכע דאס יידישע פאלק האט זיך אויסגעצייכנט אין משך פון זיין לאנגען גלות וועג אויף אזוי וויט, אז אונזערע שונאים פלעגן אפילו אידענטיפיצירן די מעשים פון איין יידן, א יחיד מיטן גאנצן כלל ישראל. דאס געפיל פון אחדות האט תמיד פאטענצירט דעם כוח פון יידישן פאלק און ווי א אייזערנער רייף צוזאמענגעפרעסט אלע זיינע ארגאנישע טיילן אן אונטערשיד פון סאציאלער סיטואירונג אדער פארטייאישער באפארבונג. באזונדער בולט האט זיך דאס-א געפיל ארויסגעוויזן בעת אנ'אומגליק' א גזרה א. ד. ג.

אין די לעצטע יארן אבער איז פולשטענדיק צעשטערט געווארן דאס יידישע פאלקס-לעבן. דער יידישער פאלקס-מענש ווי די אזוי-גערופענע גבירהקראטיע איז איבערגעקנייטן געווארן אין אנ'אנדערן טיגל און אין רעזולטאט איז ענטשטאנען א שרעקלעכער כאאט אויף דער יידישער גאס.

די צעשפליטערונג איז נישט נאר פילבאר אין דער קלאסן-דיפערענצירונג (דאס וואלט אגב געוועזן א גאנץ נארמאלע דערשיינונג), נאר דאס, וואס ס'איז נאך פיל מער געפערלעך און שעדלעך איז דער באדויערנסווערטער פאקט, וואס אינערהאלב יעדעס סאציאלער קלאס באזונדער גייט אן אנ'עקשנותדיקער קאמף פאר העגעמאניע (איבער וואס און וועמען — איז נישט די הויפט זאך). פארהאן גריפן און גרופקעלעך, פאזיציעס און אפאזיציעס, רעכטע, לינקע און סתם ריכטונגען און יעדע איינע האלט פאר איר חוב „עפעס" אויפצוטון „פרא פובליקא באנא" און דערווייל ווערן פארנאכלעסיקט די קארדינאלסטע אויפגאבן, די עלעמענטארסטע פליכטן און ממלא שאפט זיך א כאאס, וואס פארשאפט שוין גארנישט קיין איברוקן כבוד קיין איינעם פון די קעמפענדע צדדים.

דעם יידישען האנטווערקער, וועלכן שטייט יעצט פאר א שווערער קאמף געגן א גאנצע רייע גזרות און פאראדערונגען, וואט זענען עלול געגנצלעך אונטערצוברעכן זיין אזוי אויך קלאגעדיקע עקזיסטענץ — קאן זיך ליידער אויף א זעלכע ארט מחלוקתן בשום אופן נישט דערלויבן. נאר א שטארקע, פאראייניקטע, מעכטיקע און גוט-דיסציפלינירטע האנטווערקער ארגאניזאציע וועט זיין בכוח ראדיקאל צו לעזן די אלע אנגעווייטיקטע פראגן פון יידישן בעל-מלאכה און דערפאלגרייך פארטיידיקן זיינע מאג-טעגליכע ברויט אינטערעסן.

דריבער גלויבן מיר, אז די באפארשטייענדע אלגעמיינע פארזאמלונג פון סאסנאוויצער האנטווערקער-פאריין וועט שוין ענדלעך זיין די לעצטע און ענטגילטיקע, אז די צדדים וועלן פארמיידן און מוותר זיין אויף דעם „קוצו" של אמביציע און אויסווייזן א פארוואלטונג פון טיכטיקע, פעהיקע און דערפארענע טוער אויפן געביט פון דער ארטיקער האנטווערקער באוועגונג צום גונסטן און וווילשטאנד פון די ברייטע האראפאשנע ארבעטס-מענשן וועמענס גורל ס'פאראייניקט אונטער רער פאן פון אלגעמיינעם יידישן האנרווערקער פארבאנד אין פוילן.

א ג א.

אנאנסירט אייך אין „זאגלעמביער לעבן"!

## געשטאָרבן אין וואַגאָן.

נעכטן, דאָנערשטיק, אַרום 4 נאָכמיטיק איז אין צוג, צווישן קאַטאָוויץ און סאָסנאָוויץ, פּלוצלינג געשטאָרבן דער בענדינער איינוואוינער גוטמאַן, אַ הענדלער פון אַלטוואַרג.

## אַ נייע יידישע לעזע-האַלע.

זונטיק דעם 1-טן ה. ח. איז אין אייגענעם לאָקאַל פון די פּועלי-אמוני ישראל (גלאָוואַצקיעגאָ 9) פאָרגעקומען די פייערליכע דערעפענונג פון אַ לעזע-זאַל פאַר דער היגער אָרטאָדאָקסישער אַרבעטער - יוגנט. דער לעזע-זאַל וועט אָפן זיין יעדן אָוונט און וועט זיין פאַרזעען מיט דער גאַנצער יידישער פרעסע.

## געעפנט די ערשטע גרויסע מעכאַ-נישע בעקעריי אין סאָסנאָוויץ.

היינטיקן חודש איז אַריין אין קראַפט די פאַראָרדנונגען פון אינערן-מיניסטעריום וועגן דער איינפירונג פון מעכאַנישע בעקערייען אין פּוילן. צוליב די קרעדיט-שוועריקייטן, איז די אויספירונג פון דער דאָזיקער פאַראָרדענונג פּראָלאָנגירט געוואָרן אויף 3 יאָר.

די טעג איז טיילווייז געבראַכט געוואָרן אין באַוועגונג די ערשטע גרויסע מעכאַנישע בעקעריי אין סאָסנאָוויץ א. נ. "פּראָדוקציע".

די יידישע בעקער, וועלכע ליידן אַממייסטן פון דער דאָזיקער פאַראָרדענונג דאַרפן אָנשטרענגען אַלע מיטלען, בכדי אין געהעריקן טערמין דורכפירן די נייע ענדערונגען. צו דער דאָזיקער אַקציע דאַרפן די יידישע קאָאָפּעראַטיווע באַנק אויסשטרעקן זייער ברידערלעכע האַנט אין דער עת-צרה.

## מיניסטער מאַראַטשעווסקי אין זאַגלעמביע

זייטיקע וואָך האָט דער אַרבעטס-מיניסטער ה' י. מאַראַטשעווסקי באַזוכט מאַטשקי, ווו ס'ווערן אויפגעבויעט די מלוכה'שע וואַסער-לייטונגס-אַנשטאַלטן. פון דאָרט איז דער ה' מיניסטער צוזאַמען מיט די אים באַגלייטנדע פּערזענליכקייטן באַזוכט זאַגרזשע און באַקוקט דאָרט די וואַסערלייטונג-רעזער-וואַרן פאַר אויבערשלעזיען און זאַגלעמביע. נאָכהער האָט דער ה' מיניסטער דורכפאָרנדיק באַקוקט די קאַנאַלן-בוי אויפן שטח פון דאַנדוווקע, קלימאָנטווו און די קאַפּאַלניע יוליוש.

## געהיימניספולער זעלבסטמאָרד.

דינסטיק אָוונט איז די דינערשאַפט פון האָטעל "וואַרשאַווסקי" אין סאָסנאָוויץ אַלאַרמירט געוואָרן פון געהיימניספולע שאָסן', וואָס האָבן זיך דערהערט פון צימער נר. 9

אין אָנוועזנהייט פון דער פּאָליציי-אישער מאַכט איז די טיר אויפגעעפנט געוואָרן. דאָס בילד אין האָטעל-צימער האָט געמאַכט אַנ'שיטערנדן איינדרוק: מיט אַ דורכגע-שאָסענעם שלייף איז געלעגן אַ פּאַרבלוטיקטער דער באַוווּס-טער בענדינער איינוואוינער ה' שמואל טראַפּויער, 31 יאָר אַלט (מאַלאַכאָווסקאַ 58).

דער קערפּער איז איבערגעפירט געוואָרן אין מתים-שטיבל פון יידישן שפּיטאָל, פון ווו ער איז צומאָרגנס איבערגעפירט געוואָרן אויפן בענדינער בית עולם.

דער זעלבסטמערדער האָט איבערגעלאָזט איניקע בריוו וועמענס אינהאַלט ס'ווערט דערווייל געהאַלטן בסוד.

## אַנ'ענערגישע ווירטין.

די הויז-אייגנטימערין דאָמאַנסקאַ אין טשעלאַדז (זשעשעגאָ 15) האָט מיט כוח זיך אַריינגעריסן אין דער דירה פון איר לאָקאַטאָר דוד שטיינציג און מיט דער הילף פון אַ קאָוואַל צעהאַקט דעם וואַסער-קראַן. די סיבה פון אָנפאַל זאָל זיין דער אָפּזאָג פון לאָקאַטאָר צו צאָלן אַ געהעכערטן דירה לוין. די אשת-חיל איז דורך דער פּאָליציי צוגעצויגן געוואָרן צו געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

## דער קאָמאָרניק

פון בענדינער פרידנס-געריכט האָט איבערגעטראָגן זיין קאַנצעלאַריע אין אַ נייעם לאָקאַל אויף דער מאַנדזשעווער גאַס נר. 37

---

## וואָס הערט מען אין אויבערשלעזיען?

קאַטאָוויץ ווי בכלל גאַנץ אויבערשלעזיען שטייט היינט ערב אַ וויכטיקע געשעעניש און נעמלעך: די וואַלן צו די קאָמונאַלע זעלבסט-פאַרוואַלטונגען.

דער הויפּט-קאַמף שפּילט זיך אָפּ צווישן די אָנהענגער פון כאַדעקישן פירער קאָרפאַנטי פון איין זייט און דער רע-גירונגס-טרייער סאַנאַציע פון דער אַנדערער זייט. די פּ. פּ. ס און דייטשע סאָציאַליסטן האָבן זיך בלאָקירט, דאָסגלייכן די קריסטלעכע קליינהענדלער אין האַנטווערקער.

אויף דער יידישער גאַס הערשט אַן אמתע אידיליע. די ציוניסטן, אָרטאָדאָקסן אין בכלל די בירגערלעכע פּאַרטייען האָבן זיך פאַראייניקט אין איין ליסטע מיטן פּרעזידענט פון דער קאַטאָוויצער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ה' אַלפרעד מיללער אַלס שפּיצן-קאַנדידאַט. איין מאַנדאַט איז געזיכערט ביי אַ גינסטיקער קאָניונקטור האָפט מען נאָך אויף אַ צווייטן אויך (אינזשעניער זשמיגראָד).

די וואַלן אין קאַטאָוויצער קרייז קומען פאָר דעם נאָענט-סטן זונטיק, דעם 8-טן ה. ח., אין דער שטאָט דאַגעגן, מיט 8 טאָג שפּעטער, — דעם 15 טן דעצעמבער.

— זייט אויבערשלעזיען איז איבערגעגעבן געוואָרן דורך פּוילן, האָבן אין קאַטאָוויץ און אין קעניגסהיטע זיך באַזעצט אַ באַדייטנדע צאָל יידישע יונגעלייט פון קאָנגרעס-פּוילן און גאַליציען. הויפּטזעכלעך באַשעפטיקן זיי זיך מיט הויזירן אין די דערפער. פאַראַן אויך אַ געוויסע צאָל בעלי-מלאכות, זייער מאַטעריעלע לאַגע איז אָבער נישט קיין געהויבענע צו-ליב דער שטאַרקער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע.

— פון זונטיק, דעם 8-טן דעצעמבער קומט פאָר אין לאָקאַל פון קאַטאָוויצער סוחרים-פאַריין, שוו. יאַנאַ גאַס אַ ביל-דער-אויסשטעלונג פון פּאָפּולערן יידישן קינסטלער משה אַפּעלבוים.

דער אָנערקענטער קינסטלער, וועלכער האָט זיך קונה-שם געווען מיט זיינע אַרטיסטישע אַרבעטן אַזוי אין פּוילן ווי אין אויסלאַנד, נויטיקט זיך נישט אין אַ ספּעציעלע רעקלאַמע. ס'איז צו האָפן אַז די קאַטאָוויצער יידישע באַפעלקערונג וועט מאַסנווייז באַזוכן אַפּעלבוימס נייע קונסט-גאַלעריי.

# זאגלעמביער פאמיליען = דראמעס.

## דער פריילעכער „אלמן“ און זיינע כלות.

א ווער שפאנענדע פאמיליען=ראמע האט זיך לעצטנס אפגעשפילט אין סאסנאוויץ מיט וועלכער ס'קאכט די גאנצע שטאט.

אין אלט=סאסנאוויץ האט צענדליגער יארן געוווינט א בכבוד'ע יידישע פאמיליע ס. (צוליב פארשטענדליכע טעמים קענען מיר דעם פאמיליען=נאמען נישט ארויסשרייבן). אין דער צייט פון דער גרויסער וועלט=מלחמה איז דעם ה' ס. געגאנגען זער שלעכט און ענדלעך נאך א לענגערע שווערע קרענק איז ער אפגעשטארבן איכערלאזנדיק אנ'אמלנה מיט צוויי דערוואקסענע טעכטער.

די פריילינס, איינע סאלא און די אנדערע אסתר, אגב זער גראטענע האבן חתונה געהאט מיט היגע יונגעלייט. איינער האט זיך באזעצט אין קאטאוויץ און דער צווייטער אין ביליץ. דער ביליצער טאכטער איז געגאנגען נישטקשה'דיק, דער קאטאוויצער דאגעגן איז עס נישט אוועק אזוי פויגלדיק. אין דער צווישנצייט איז די מוטער די אלמנה אוועק צו דער רייכער טאכטער קיין ביליץ, וואו זי איז שוין געבליבן וווינען.

באשערט אבער אנ'אומליק, שטארבט פלוצלינג אפ די ביליצער טאכטער, דעם ה' ז.'ס ווייב, און קינדער און די מוטער מורא'האבנדיק, אז זי זאל נישט מוזן פון דארט אוועק, איז איר איינגעפאלן א געניאלער געדאנק: זי האט כלומרשט געפינען א בריוו פון איר פארשטארבענער טאכטער, אז איר ווילן איז, אז „די מאמע זאל כל=ימיה בלייבן ביים מאן“. אזוי ווי דער ווילן פון א טויטער איז זער הייליק, על כן האט זי אזא עצה: אזוי ווי דער איידעם דער אלמן איז אמאל נישט געוועזן אין גאנצן גלייכגילטיק צו זיין יינגערע שוועגערן, די שיינע אסתר, די קאטאוויצער טאכטער, און יענע איז אין ענין פרנסה נישט אזוי געהויבן, דאריבער זאל זיך דאס קאטאוויצער פארפאלק אפ=גט'ן און די טאכטער זאל שטעלן א צווייטע חופה אין ביליץ מיטן איידעם דעם אלמן און אזוי ארום וועט זיין וווּל און גוט און אויך די מאמע וועט נישט דארפן אויף די עלטערע יארן זוכן א נייעם דאך איבערן קאפ.

דעם איידעם איז אט דער „וואזשנער“ פארשלאג אריין אין קאפ און — געזאגט און געטון — ער איז גלייך אוועק צום באנהויף און — יאזדא קיין קאטאוויץ!

ווי אזוי די אונטערהאנדלונגען זענען צוגעגאנגען אין קאטאוויץ איז אונז נישט באקאנט. מענשן זאגן, אז ער האט נאך געמוזט צוצאלן א שיינע פאר הונדערט דאלאר אויך... גענוג, אז עס האט גארגישט לאנג געדויערט און אין אמזלדיגן — אדער אפשר גאר שלים=מזלדיגן — טאג איז ער צוריקגעמען מיטן פרישן ווייבל קיין ביליץ מיט א קינד אויף א צולאג.

מייגט איר דאך אוודאי: אז ס'איז שוין גוט — מאכט זיך אבער א מעשה און דער ה' ז. קומט צו פארן קיין סאסנאוויץ צו זיין משפחה און דערציילט זיי וועגן זיין פרישן שריט אין לעבן. קיין סאסנאוויץ איז אויך געקומען זיינער א ברודער פון זאוויערטשע — א ייד נישט קיין גרויסער גביר — וועלכער האט, אויסהערנדיק די גאנצע געשיכטע, באשלאסן צו פאנגען יים פאר זיין אייגענע טאכטער, א מיידל אין די יארן.

מען האט לאנג נישט געדארפט דריבער דברן און מ'האט תיכף דערקענט, אז דער עסק נעמט א גאנג.

דער ביליצער אלמן האט א פנים נישט געשטעלט קיין שווערע באדינגונגען און מ'איז ווי ס'איז דורכגעקומען צווישן זיך...

— — — — — — — — — — — — —

די פאריגע וואך האט זיך דער „פריילעכער אלמן“ ווידער באוויזן אין סאסנאוויץ און ווו מ'גיט איבער, טאקי צו שרייבן תנאים מיט וויין פלימעניצע.

וואס=זשע וועט זיין מיט דער שוויגער, גרושה און איר קינד? — איז שווער פארלויפיג צו געבן א קלארע תשובה.

אווע=טאווע — אלט=סאסנאוויץ האט וועגן וואס צו פלוידערן.

---

## דער חתן איז אוועקגעפלויגן.

זי, א בעגדינער מיידל שוין אין די יארן, איז געוועזן אויף א שטעל אין ווארשע.

דארט האט זי זיך מיט אירע צען פינגער גאנץ פיין פערדינט און זיך געקליידט לייטן=גלייך. אין משך פון א צייט האט זי זיך אויך אפגעשפארט אביסל געלט אין אנגעהויבן קלערן וועגן א תכלית, א שדוך, ווייל ווי לאנג איז דער שעור צו ווארטן?

ס'זענען אוועק וואכן, חדשים, זי האט געזוכט און ענדלעך געפונען.

אין א געוויסן שבת האט זי זיך ביי באקאנטע אין הויז באקענט מיט א בחור, וועלכער איז איר פון ערשטן אויגן=בליק באלד געפעלן געווארן.

זיי האבן זיך אנגעהויבן אפטער צו טרעפן, שפאצירן צוזאמען אויף די „יעראזאלימסקי אלעען“ ביז זיי האבן זיך שוין צוגעוויינט און אנגעהויבן זיך האלטן פאר חתן כלה.

פריינט און באקאנטע האבן פון גרויס הנאה פארן צוגעפאסטן פארל אזש געסמאקעוועט...

אויף סוכות האט זי אים אראפגעברענגט קיין בענדין בכדי ער, איר „באשערטער“ זאל זיך באקענען מיט אירע עלטערן און גלייכצייטיק זאל מען אויך אינדערהיים איבעררעדן וועגן תנאים, טעלער=ברעכן און פטורים, ווייל ווי לאנג איז דער שעור ארומפירן זיך מיט א מיידל? זי מוז דאך א מאל ווערן א כלה אויך.

געקומען קיין בענדין האט דער חתן זיך ארויסגעוויזן פאר א שטיקל שעמעוודיקן וואס קען קיין הויך ווארט נישט רעדן.

טאטע=מאמע האבן פונם צוקונפטיגן איידעם געשעפט גאנצע הויפנס נחת „אן איידל קינד, אן איר שאדן אויף כל=ישראל געזאגט געווארן, א זעלכע איידעמ'ס“ אזוי האט זיך די מאמע געוווּנשן אין געקוואלן פון גדולה...

מוצאי יו"ט איז געוועזן א ווארט און דער חתן האט אלס „זאדאטעק“ אויפן נדן באקומען הונדערט דאלאר מזומנים.

נאך יום=טוב איז דער „חתן בחור“ אוועק און אומגעזעגנט נישט צוריקגעקומען. די הונדערט דאלאר האט ער וויינט אויס — פארגעסן איבערצולאזן דערפאר האט ער איבערגעלאזט שדכנות די מחותנים טאקע די „כלה“ אליין...

די שכנים פון דער טשעלאדזער גאס שרייען מ'זאל אים פארן זוכן קיין ווארשע — דעם גזלן... אבער גייט זוכט א פויגל אין וואלד און א „חתן“ אין ווארשע...

צוליב דעם, וואס די הויזירער – ס׳רוב יינגעלייט – זענען תמיד פאריאגט און פארטון אין דאגות-פרנסה, האבן זיי פשוט קיין צייט נישט אפצוגעבן זיך מיט קולטורעלער אדער געזעלשאפטלעכער טעטיקייט. און ווען ס׳בלייבט שוין יא איבער א ביסל פרייע צייט אפצואטעמען — איז עס זונטיק. איז עס דאך קאטאוויץ — גיט מען זיך איבער אנדערע, לייכטערע און מער אנגענעמע פארוויילונגען...

פון די עקזיסטירנדע יידישע פארטייען איז אמאייסטן טעטיק די ארבעטער-פארטיי פועלי-ציון, וועלכע פירט אגב לעצטנס דורך א גרויסע און הערלעכע (ווי אויף קאטאוויץ) זאמל-אקציע פארן ארבעטנדען ארץ-ישראל (פאלעסטינא ארבעטער פאנד). בראש פון דער אקציע, וואס ברענגט בערך 300 זל. חודשלעך: שטייט דער באוווסטער ארבעטער-טוער אינזש. שארף. יעדע 14 טאג ווערן איינגעארדנט ספעציעלע פא״פ אקאדעמיעס און די ריינע הכנסה גייט פארן ארבעטנדן ארץ-ישראל.

פארוואס ס׳איז נישט אריינגעראגן געווארן קיין דעמאקראטישע ארבעטער-ליסטע מצד דער פ״צ-פארטיי — בלייבט באמת א פראגע פאר די ברייטע דעמאקראטיש-געשטימטע פאלקס-מאסן אין קאטאוויץ.

— מיטוואך דעם 4 דעצ. איז דא פארגעקומען א זעלבסטמארד פון א 18 יעריקן בחור מיטן נאמען: אברהם האכערמאן פון סאסנאוויץ (דעקערטע 14) ער איז געווען א האנדלס אנגעשטעלטער אין א געשעפט. די סיבה פון זעלבסטמארד איז דערווייל אומבאוווסט.

— לויט דער לעצטער סטאטיסטיק וווינען אין קרול-הוטא 90.000 איינוווינער, אין דער צאל בערך 5.000 יידן. אומזיסטע שרעק פון „דא טשינו“. — ס׳האלט נאך גאר ווייט פון דער „יידישער פארפלייצונג“ אין קרול הוטע.

— דער מאגיסטראט פון קרול-הוטע האט אנגעקלאגט אין געריכט דעם רעדאקטאר פון „דא טשינו“ פאר נישט וועלן געבן א הכחשה אין זיין צייטונג וועגן די פאלשע „סימפאטישע באציונג פון מאגיסטראט צו יידן“ וועגן וועלכע דער ה׳ מאך האט זיך אזוי ברייט צעשריבן.

יהודה קאננער.

---

## א קרבן פון דער שטייערן-לאסט.

אין טארנאווסקע-גורי איז ארעסטירט געווארן דער באקאנטער רעיעלער סוחר ה׳ דוד פערל פון קאזשעגלווו אונטער דער באשולדיגונג פון בלומרשט באגאנגענע אפערעס.

פאקטיש האט פערל טאקע זייט א געוויסע צייט אפגעשטעלט די צאלונגען. אויפן פארלאנג פון די קרעדיטארן וועמען ס׳קומט בערך 200.000 זלאסעס איז די געריכטסמאכט צוגעטרעטן פארהאלטן די סחורות, וועלכע דער ה׳ פערל זאל האבן באוויזן באצייטנס ארויסצופירן קיין בענדין און מיכאלאוויץ.

אין דער ווירקליכקייט אבער האט מיט א קורצער צייט צוריק דער שטייער-אמט רעקווירירט און פארקויפט פערלס תביאה מאגאזינען פאר העכער 20 000 זל. שטייער-חובות, וועלכע דער ה׳ פערל איז צוליב דער אלגעמיינער סטאגנאציע און שווערער פינאנציעלער לאגע נישט געווען בכוח צו באצאלן, און איינציקווייז אים צוגעפירט צו דעם איצטיקן מצב.

דער ארעסט פון ה׳ פערל האט ארויסגערופן גרויס אויפזען אין די קרייזן פון מעל-סוחרים, ווו ער איז געווען באקאנט אלס רעיעלער סוחר.

---


מיטוואך, דעם 4-טן דעצעמבער איז אין בליענדן עלטער פון 18 יאר טראגיש געשטארבן

אונזער זון, ברודער און קאלעגע

# אברהם האכערמאן ז״ל

וועגן וואס ס׳מעלדן די אין טיפן טרויער פארבליבענע

מוטער, שוועסטער, פאמיליע, פריינט און קאלעגינס.


Ceny ogłoszeń: cała strona – zł. 120; pół strony – zł. 65; ćwierć str. – zł. 35; szestnastka str. – zł. 12,50.
gratulacje począwszy od zł. 3,– drobne ogłoszenia 10 gr. za wyraz.

Redaktor odpow.: I. Piekarski. Druk „Energja", Sosnowiec, Kołłątaja 6 Wydawca: S. Siwek.

PIECE-RITA

**Budowa Pieców Piekarskich i Cukierniczych**

# M. Sandner, Katowice

**ul. Mikołowska 11-a.** **Telefon Nr. 819.**

HALLO! HALLO!

PIEKARZE

! האללאָ ! האללאָ

בּעקערס





**Już najwyższy czas zmechanizować Wasze piekarnie!**

שוין די העכסטע צייט צו

מעכאניזירן אייערע

בּעקערייען

Żądajcie! Żądajcie!

najlepsze przetłuszczone
— mydło toaletowe — —

**„PRZEBÓJ"**

Fabryka perfum i mydeł toaletowych SAPODOR, Warszawa

Do nabycia we wszystkich aptekach, składach aptecznych i perfumerjach.

---

**GABINET KOSMETYCZNY**
EWA HAMBURGER
**SOSNOWIEC, Piłsudskiego 12.**
(lewa ofic, I piętro) telef. 11-45.
**Masaże lecznicze, usuwanie wągrów, stałe przyciemnienie brwi i rzęsów wszelkie zabiegi kosmetyczne.**
—— **CENY PRZYSTĘPNE.** ——

---

**„HOTEL BRISTOL"**
BĘDZIN -- Telefon 2-43

באזיצט 30 צימער איינגעריכטעט מיט אלע נייסטע
באקוועמליכקייטן. אויך באקומט מען צו יעדע צייט
פרישע, שמאקהאפטע, זויבער עסן, שטרענג כשר.
מעסיגע פרייזן. גוטע באדינונג.
אינהאבער **אליעזר באזשיקאווטקי.**

---

DRUKARNIA i INTROLIGATORNIA
**„ENERGJA"**
SOSNOWIEC, ul. Kołłątaja 6. --- Tel. 8-18.

wykonuje wszelkie roboty w zakres drukarstwa wchodzące

**Wykonanie solidne.** **Ceny umiarkowane.**